תעודה מס׳ 15

# „צוויי און צוואנציק"

## לידער און טריאָלעטן פון יחיאל פיינער

פרעסע אָפּריפן:

„דערפאר קאָן מען זאָגן אויף דעם ביכל לידער
דעם גרעסטן שבח וואָס קאָן בכלל געזאָגט ווערן
מיטן מענשליכן לשון: דאָס איז אמת׳ע דיכטונג...
(שמואל נאדלער אין דאָס יידישע ווארט").

...ס׳איז אן אמת הארציגער דאָקומענט איבער
די ליידן פון א דור בעלי- חלומות...: יחיאל
פיינער איז זייער דיכטערישער, מיט כשרונות
בעשאָנקענער שליח-צבור...
(אלימלך שטייער אין די יוגנט בלעטער").

.. פיינער׳ס ליד רייסט מיט, דרינגט אריין
אינ׳ם הארצן פון לעזער דורך. פערבאָרגענע
טירן, וויבּרירט דאָרט טיף און לאנג ווי א צי-
טערדיגער אָבקלאנג פון א סטרונע...
(ל. ש. אין יידישן ארבעטער").

... דאָס ביכל לידער פון דעם יונגען דיכטער
איז זייער אינטערעסאנט און פערדינט הארציג
באַגריסט צו ווערן...

(„בית· יעקב זשורנאל").

פרייז 1 גילדנאָר פאר געלד פאָראויס צו
בעקומען אנן אדמינ. אָדער לויט אָדרעס:

ЄH. FAJNER **Łódź** Śródmiejska 47.

מודעה על מכירת צוויי און צוואַנציק (לידער)
ספרו של יחיאל פײַנער, נײַער אַרבעטער וועג, בענדין, תרצ״ג–1932



תעודה מס׳ 16

# מצבה...

## עלעגיע.

א ליליען-קראַנץ אויפן פרישן קבר פון
מיין ערשט-פערשטאָרבענער מוטער.

אַ ליכטעלע, אַ פלעמעלע צינד איך
איצט נאָך אַ פערלאָשענער נשמה אָפּ,
דורך מיר, דורך מיר: און אפשר נישט?!
איז זי געפאַלן צום אָפּגרינד אַראָפּ.

זי האָט גאַנצע דורות דורכגעלעבט
ג-ט ווייסט וויפיל עליות –
ביז פסול זענען מיט דער צייט
געוואָרן די יריעות...
און ספּוילט דער פאַרמעט אין דער ערד-
דאַך גאַנץ די אותיות זענען.
און ווען ספעלד אין נאַכט זיך בעקליידט
און שטערן נעמען שיינען –
דאַן איינציגווייז די אותיותלעך
אַרויס פון קבר קריכן,
טאַנצן אויף די בית-עולם גראָזן
ווי פון סקעלעטן – שטריכן.

אָ! ווי בלאָנדזשען, זיי זוכן
אין בין·השמשותדיגן אויר,
ביז יעדעס אות צוריק געפינען האָט
זיין בעגלייטער, זיין חבר...
דאַן רייען זיי אין ווערטער זיך
אין שורות ווי פּאַרצייטן,
פונקלען אין דער שוואַרצער נאַכט
ווי יאָר-צייט ליכט פון ווייטן...

חשון, תרפ״ט. יחיאל פיינער, סאָסנאָװיץ

שירו של יחיאל פײַנער על פטירת אמו משנת 1928,
דאָס יודישע וואָכענבלאַט, בענדין, נומ׳ 7, תרפ״ט